# היום יום . . .

יום רביעי **כה תמוז** (תש"ג)

שיעורים: חומש: מטו"מ,רביעי עם פירש"י.
תהילים: קיט, אשרי...מצותך מאד.
תניא: פרק ז. ואולם...'צז' ונדכה כו'.

אין חסידות איז פאראן צוויי זייער כאראקטעריסטישע אויסשפראכען: א) א איד דערקענט ג־טליכקייט און פילט די איבערנאטירליכקייט און בעדארף אויף דעם קיין באווייזען ניט האבען. ב) א איד ניט ער וויל און ניט ער קען זיין אפגעריסען פון ג־טליכקייט.

דער אמת איז אז די צוויי אויסשפראכין זיינען איין זאך: א איד דערקענט ג־טליכקייט און פילט דעם למעלה מן הטבע, דערפאר איז ניט ער וויל ניט ער קען זיין אפגעריסען פון ג־טליכקייט.

קיימים בחסידות שני ביטויים מאוד אופיניים: א) יהודי מכיר באלוקות וחש את העל־טבעי ואינו זקוק להוכחות על כך. ב) יהודי אינו רוצה ואינו יכול להיות מנותק מאלוקות.

האמת היא ששני הביטויים – אחד הם: יהודי מכיר באלוקות וחש את הלמעלה מן הטבע – לכן אינו יכול להיות מנותק מאלוקות.